## צום הונדערטסטן געבוירן־טאג פון י. ל. פרץ

דוד פינסקי / חיפה

# דריי יאָר מיט י. ל. פרץ

1

יצחק לייבוש פרץ... געוויינטלעך: י. ל. פרץ. נאָר איין מאָל אויף זיין ביכל באַקאַנטע בילדער, וואָס יעקב דינעזאָן האָט אַרויסגעגעבן אין 1890, איז געשטאַנען: לעאָן פרץ. ווען איך בין געגאַנגען צו אים צום ערשטן מאָל, האָב איך מיר געחזרט: י. ל. פרץ.

אונדזער ערשטע באַגעגעניש. וואַרשע, סוף דעצעמבער, 1891.

איך בין געווען אין וואַרשע אויפן דורכפאָר קיין ווין. איך האָב זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט כדי איינצוקאַסירן אַ וועקסל — אַ חוב, וואָס אַ וואַרשעווער סוחר איז שולדיק געווען מיין טאַטן. דאָס געלט — פיר הונדערט רובל — האָט מיר געדאַרפט געבן די מעגלעכקייט פאָרטצוזעצן מיין רייזע קיין ווין און זיין דאָרטן פאַרזאָרגט אויף אַ גאַנץ יאָר און מער. אָבער איך וואָלט סיי ווי זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע: איך האָב געמוזט אויפזוכן י .ל. פרצן, דעם אויפגייענדיקן שטערן אויפן הימל פון דער יידישער ליטעראַטור.

איך האָב געהאַט פאַר אים אַ מאַנוסקריפּט פון אַ גרעסערער דערציילונג און אַ גרוס. דער מאַנוסקריפּט איז געווען מיין אייגענער, דער גרוס, — פון אַ קלייגער גרופּע יונגע־לייט אין וויטעבסק, אַלע כמעט פון איין עלטער מיט מיר, און איך בין דעמאָלט געווען אין מיין צוואַנציקסטן יאָר. אַ גרופּע יונגע וועגזוכער. איין וועג איז אונדז געווען קלאָר — אַ ברייטער שליאַך, וואָס האָט געפירט צום פאָלק: דאָס פאָלק מוז אויפגעקלערט ווערן, מוז קריגן בילדונג. אָבער ווייטער אַ ביסל האָט זיך דער וועג פונאַנדערגעטיילט אויף זייטוועגלעך: חובבי ציון, אַרבעטער־באַוועגונג, רוסיפיקאַציע... מיר האָבן געלייענט ביכער אין די שפּראַכן, וועלכע מיר האָבן געקענט, און דיספּוטירט האַלבע טעג און גאַנצע נעכט, אונטערלענענדיק די הערצער מיט דיקע המוציאס ברויט, אָנגעשמירטע מיט זענעפט. אין מיטן פון אונדזערע דיסקוסיעס איז אונדז אַריינגעפאַלן אין די הענט אַ נייער זשורנאַל די יודישע ביבליאָטעק מיט אַ פּראָגראַם־אַרטיקל בילדונג. דער אַרטיקל האָט אונדז אַנטציקט. געשריבן אין האַמערנדיקן סטיל פון קורצן זאַץ, די געקליבענע ווערטער האָבן זיך געפּערלט, מיר האָבן גנצע שטעלעס געקענט אויף אויסווייניק.

דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל און דער שרייבער פון דעם אַרטיקל: י. ל. פרץ. דער נאָמען פרץ איז אונדז געווען באַקאַנט: פון סאָקאָלאָווס האסיף, שלום־עליכמס יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק און פון דעם ביכל באַקאַנטע בילדער. כאָטש מיר האָבן אַלע געהאַט געלייענט דעם השחר פון פרץ סמאָלענסקין, ווו דער נאָמען פרץ איז דערשינען אונטער עטלעכע לידער, האָבן מיר אים פּשוט ניט פאַרבונדן מיט דעם איצטיקן פרץ.



כג 10 (1951)

ער איז אונדז געווען ניי און יונג. מיר האָבן באַשטימט, אַז ער מוז זיין אַ יונגער מענטש פון 26—27 יאָר.

איך בין אַוועק אויף צעגליאַנע איינס צו טרעפן זיך מיט אַ יונגן ייִדישן שרייבער, אין וועלכן מיר האָבן דערקענט אַ וואָרטפירער פון אונדזער יוגנט און אירע אידעען.

2

ווי איצטער זע איך אים פאַר מיר, מיטן רוקן פאַרן הויכן קאַכלנעם קאַמין, וואַרעמענדיק זיינע הענט, וועלכע ער האָט געהאַלטן אויף הינטן. מיט גרויסע ברוינע אויגן איבער אַ דיקלעכער נאָז, אונטער וועלכער עס האָבן זיך גערייטלט אַ פּאָר דיקע וואָנצעס.

איך האָב דערוואַרט צו געפינען אַ יונגן מענטש און האָב געפונען זיין טאַטן. איך האָב זיך טאַקע נאָכגעפרעגט ביי אים אויף זיין זון, דעם רעדאַקטאָר פון די יודישע ביבליאָטעק, י. ל. פּרץ, און בין געווען איבערראַשט צו הערן, אַז דאָס איז ער אַליין י. ל. פּרץ. ער האָט געמוזט דערפילן מיין איבערראַשונג: אויף זיינע ליפּן האָט אויפגעלאַכט אַ שמייכל.

אָבער באַלד זענען מיר געזעסן ביי זיין שרייבטיש, וואָס איז געשטאַנען מיט זיין שמאָלער זייט ביים פענצטער, און איך האָב אַרויסגעלייגט דעם צוועק פון מיין באַזוך. צו ערשט דעם גרוס. זיין געזיכט האָט געלויכטן. איך האָב אים געמוזט דערציילן, ווער און וואָס. אָנרופן מיינע חברים, כאַראַקטעריזירן זיי, אָנגעבן זייערע באַשעפטיקונגען. איך האָב ניט גערעדט אַזוי פריי, ווי איך וואָלט גערעדט מיט אַ יונגן י. ל. פּרץ. עס איז אויף מיר געלעגן די מורא פאַר אַ רבין. ער קאָן ניט זיין קיין חבר, איינער פון אונדז. זיינע אויגן שיינען, ווייל ער פרייט זיך, וואָס ער האָט געפונען תלמידים... איך האָב זיך געפילט ווי אָפּגענאַרט.

שפּעטער אַ ווײַלע האָט ער ביי מיר געפרעגט, וואָס פאַר אַ העפט האַלט איך אין האַנט. מאָדנע! איך האָב געבראַכט מיין ערשטלינג צו אַ חבר, איצטער מוז איך אים איבערגעבן צו אַ רבי, און דאָס איז אַ גרויסע נפקא־מינה. אָבער ער האָט שוין געהאַט דאָס העפט אין די הענט און אויפגעעפנט.

— אַ גוטע האַנטשריפט, וועט זיין לייכט צו לייענען. ווי לאַנג דענקט איר צו זיין אין וואַרשע?

איך האָב אים דערציילט, אַז איך פאָר קיין ווין, ווו איך דענק צו שטודירן מעדיצין. איך וועל פאַרלאָזן וואַרשע, ווי איך וועל נאָר איינקאַסירן דעם וועקסל.

ער האָט מיר געווונטשן, מיר זאָל געלינגען איינצוקאַסירן דעם וועקסל וואָס שנעלער. איבערמאָרגן מעג איך קומען וועגן מיין מאַנוסקריפּט. ער האָט מיר אויך געזאָגט אין וועלכער שעה נאָכמיטיק. איבערמאָרגן בין איך ביי אים געווען צו דער מינוט — מיין שוואַכקייט צו זיין פּינקטלעך. אָבער אויך ער איז געווען פּינקטלעך: ער האָט איבערגעלייענט מיין מאַנוסקריפּט. ער געפעלט אים, אָבער ער האָט אים איבערגעגעבן דינעזאָנען — דינעזאָן איז ביי אים דער פּוסק אחרון. ווי שטייט עס מיט דעם וועקסל?

— ניט גוט. דער בעל הוועקסל האָט שוין לאַנג באַנקראָטירט.

— בלייבט איר הייסט עס אין וואַרשע? אָדער איר פאָרט צוריק אין וויטעבסק?

— ניין, איך פאָר קיין ווין.





— ווי אַזוי?

— איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן.

אַלזאָ, אין אַ פּאָר טעג אַרום דאַרף איך זיין ביי דינעזאָנען און דערנאָך ווידער ביי אים. ער וויל אויך וויסן, וואָס פאַר אַן עצה איך האָב זיך געגעבן.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מיר דינעזאָן געזאָגט, אַז פּרצן געפעלט מיין ווערק זייער און אים אויך. איך שנייד זיך אויף אַ דאָסטאָיעווסקי. אָבער ביידע האָבן באַשלאָסן, אַז איך דאַרף נאָך אַרבעטן אויף מיין שפּראַך און אַ ביסל נאָך אַרומשלייפן די דערציילונג. מיר זענען ביידע אַוועק צו פּרצן.

פּרץ און איך האָבן גערעדט צווישן זיך רוסיש, אָבער מיט דינעזאָנען האָבן מיר גערעדט ייִדיש. ביי אַ גלעזל טיי, ווען דינעזאָן האָט אָנגעשטאָפּט די גילזעס פאַר פּרצס פּאַפּיראָסן, האָט פּרץ מיר צעגלידערט מיין ווערקל און אָנגעזאָגט, איך זאָל שנעל מיט אים פאַרטיק ווערן, ווייל ער וויל עס האָבן פאַר דעם צווייטן באַנד יודישע ביבליאָטעק, דער האָנאָראַר וועט מיר זיכער צו ניץ קומען. אגב, האָב איך זיך שוין אַן עצה געגעבן, ווי צו פאָרן ווייטער קיין ווין? יאָ, איך האָב זיך שוין געגעבן אַן עצה: איך פאַרקויף מיין פוטער. פּרץ האָט אַ ציטער געטאָן: עס שטייען דאָך אַזעלכע פרעסט! איך האָב אים באַרויִקט: איך האָב נאָך אַ מאַנטל. ניט אַזאַ וואַרעמער, אָבער איך וועל מיר זאָגן, אַז מיר איז ניט קאַלט. איך בין געוווינט צו מאָסקווער פרעסט, און אין ווין איז ניט אַזוי קאַלט.

דער געשפּרעך האָט גענומען אַ נייע ווענדונג, ווען איך האָב דערמאָנט מאָסקווע. פּרץ אָדער דינעזאָן — איך געדענק שוין ניט ווער — האָט ביי מיר אַ פרעג געטאָן, צי קען איך ראובן בריינין. — זייער און זייער. — צי קאָן איך ניט זאָגן, פאַר וואָס בריינין האָט געמוזט פאַרלאָזן מאָסקווע? — איך ווייס ניט, אַז ער האָט געמוזט. אָבער אויב ער האָט געמוזט, איז דאָס געווען דער מוז פון אַלע ייִדן, וואָס פאַרלאָזן מאָסקווע. און פּרץ פרעגט: האָט איר גאָרנישט געהערט, וואָס בריינין האָט געטאָן דעם שרייבער יכנה"ז?

מיט רויִקן געוויסן האָב איך אים געקאָנט פאַרזיכערן, אַז איך האָב גאָרנישט געהערט.

— ווייסט איר הייסט עס גאָרנישט. וואָס ווייסט איר בכלל פון בריינינען?

— דאָס שענסטע... דאָס אידעאַלסטע... איך ליב דעם מענטש...

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט, און פּרץ האָט מיר געזאָגט:

— אין אייער דערציילונג זייט איר פּסיכאָלאָג, גריבלער אין אַ נשמה, אַ שטיק דאָסטאָיעווסקי, אָבער דעם מענטש, מיט וועלכן איר זייט אַזוי דורכגעבונדן, קענט איר דאָך ניט.

די דאָזיקע ווערטער פּרצעס האָבן אויף מיר יעמאָלט קיין איינדרוק ניט געמאַכט. אָבער 25 יאָר שפּעטער האָב איך געשריבן מיין דערציילונג **אַ פרעמדע נשמה**.

3

איך בין אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע אַ באַגייסטערטער פון פּרצן. מיינע בריוו צו מיינע חברים אין וויטעבסק זענען געווען פּרץ־געזאַנגען. ער האָט מיך פאַרכישופט, — אַ כישוף, פון וועלכן איך האָב זיך קיין מאָל ניט באַפרייט און ניט געוואָלט זיך

באַפרייען. ער האָט מיך געוווּנען מיט זיין בליציקייט. ווי ער האָט געשריבן, אַזוי האָט ער גערעדט — קורץ, שאַרף, וויציק, און ער האָט עס געליבט אין אַנדערע. ווען דינעזאָן פלעגט זיך פאַררײדן, פלעגט ער אים אַרויסהעלפן מיט אַ סוף פסוק. מיט אַ וואָרט און צוויי פאַרענדיקט, וואָס דינעזאָן האָט געוואָלט זאָגן. ווען איך האָב דאָס באַמערקט, האָב איך זיך אויסגעהיט צו פאַררײדן זיך, ער זאָל מיר ניט דאַרפן אַרויסהעלפן מיט זיינס אַ וואָרט. אָבער איך בין סיי ווי ניט געווען קיין צו לאַנגער דברן. אפשר בין איך אים דערפאַר געפעלן געוואָרן. איך בין אים געווען אַ גוטער צוהערער.

ער האָט געוווּסט וועגן מיר אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געוואָלט וויסן. ער האָט געפרעגט, איך האָב געענטפערט. אויסגעברייט פאַר אים מיינע קנאַפע צוואַנציק יאָר. איך וועגן אים האָב גאָרנישט געוווּסט. ביי אים האָב איך ניט געפרעגט, פונאַנדערפרעגענישן ביי אַנדערע האָבן מיר געבראַכט אַנטוישונגען. ער איז דאָך געווען ווייניק באַקאַנט, און פון מענטשן וואָס האָבן געזאָגט אַז זיי קענען אים, האָב איך געקראָגן פאַרדראָסיקע ענטפערס. אַ העברעיִשער שרייבער, אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקער, קליינינקער, וואָס האָט זיך אָבער געהאַלטן גרויס און אין יענע יאָרן געהאַט אויך אַ שטיקל נאָמען, האָט אים אין גאַנצן אַוועקגעמאַכט מיט דעם האַנט: אייסיך, אַ פאַרדרייטער קאָפּ!... ווייס אַליין ניט, וואָס ער שרייבט! איר'ט דען ניט געלייענט, וואָס קריטיקוס אין וואַסכאָד האָט וועגן אים געשריבן?... איך האָב נאָך אויסגעפונען, אַז פרץ איז געווען אַ זאַוואָדטשיק, אַ סוחר, אַ לערער, אַן אַדוואָקאַטל, און איצטער האָט ער זיך גענומען פאַר ליטעראַטור. איך האָב זיך ניט אָנגעשלאָגן אויף קיין איינציקן, וואָס זאָל האָבן אַ וואַרעם וואָרט פאַר פרצן. האָט ער גאָר קיין פריינד ניט געהאַט אין יענע יאָרן? דער איינציקער, פון וועמען איך וואָלט געהערט גוטס וועגן פרצן, איז געווען יעקב דינעזאָן. אָבער איך וואָלט געקאָנט פונקט אַזוי אויספרעגן פרצן אַליין. איך האָב בכלל אויפגעהערט אויסצופרעגן. וואָס גייט מיך אָן זיין ביאָגראַפיע? וואָס איך זע און געפין אין אים, איז מיר ריזיק געפעלן. וואָס וויל איך נאָך? און אַזוי האָב איך אויך אין שפּעטערע יאָרן ניט נאָכגעפרעגט און ניט אויסגעפרעגט.

מיר האָבן זיך צעזעגנט מיט גרויסער וואַרעמקייט. ער האָט מיר צוגעוווּנטשן, איך זאָל ניט דאַרפן פרירן אין ווין און אָנגעזאָגט, איך זאָל באַאַרבעטן וואָס שנעלער מיין דערציילונג. זיין וווּנטש איז מקוים געוואָרן: איך האָב אין ווין ניט געליטן פון קעלט. אָבער זיין אָנזאָג האָב איך ניט אויסגעפאָלגט. ווען איך האָב ווידער אַריינגענומען מיין דערציילונג אין די הענט, איז זי מיר ניט געפעלן געוואָרן. איך האָב זי ניט צעריסן און ניט פאַרברענט. זי לעבט נאָך עד היום צווישן מיינע מאַנוסקריפּטן. איך בין איר דאַנקבאַר, וואָס זי האָט מיך צונויפגעפירט מיט פרצן. ווען איך ווונדער זיך, ווי אַזוי האָט פרץ געקאָנט זען אין איר עפּעס רעכטס, ענטפער איך זיך אַליין: ער האָט דאָך מיך אַ נ ט ד ע ק ט אין איר און געפונען פאַר מיר אַ סך דערמוטיקנדיקע ווערטער און פאָרויסגעזאָגט מיר אַ שריפטשטעלערישע צוקונפט.

ווען שפּעטער אין יאָר האָט ער מיר געלאָזט וויסן, אַז ער איז שוין באַלד פאַרטיק מיט דעם צווייטן באַנד יודישע ביבליאָטעק, און איך זאָל זיך באַאיילן מיט מיין דערציילונג, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און אויפגעשריבן ד ע ר ג ר ו י ס ע ר מ ע נ ט ש נ ־ פ ר י י נ ד. פרצן איז ניט געפעלן געוואָרן דער סוף פון דער סקיצע, און ער האָט פאָרגעשלאָגן אַן אַנדער ענדונג. איך האָב אָנגענומען זיין קריטיק, אָבער ניט זיין אויסבעסערונג.





אויב מען דאַרף אויסבעסערן, וועל איך אַליין. דערווייל איז דער צווייטער באַנד פון ביבליאָטעק דערשינען, ניט דערוואַרט זיך אויף מיר. ניט באַשערט מיר געווען צו מאַכן דעם ערשטן שריט אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַ זשורנאַל אונטער דער רעדאַקציע פון י. ל. פרץ.

4

איך האָב אין ווין פאַרבראַכט אַ יאָר. אַ שווער יאָר פון נויט און האַלב־הונגער. ווען די מאָס איז געוואָרן פאַרפול, בין איך אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע, ווו עס האָבן זיך באַזעצט מיינע עלטערן נאָך דעם גירוש מאָסקווע און ווו עס האָט זיך עפּעס געקאָכט אַרום י. ל. פרצן.

אין זיין אַרטיקל ב י ל ד ו נ ג האָט ער זיך געווענדט צו „אַלע אמת געבילדעטע מענטשן” זיי זאָלן העלפן בילדן דאָס פאָלק. ער האָט זיי גערופן, זיי זאָלן קומען צוריק צום פאָלק, פון וועלכן זיי זענען אַוועק. זיי זאָלן קומען און העלפן ברענגען צום פאָלק „די בילדונג, וואָס מאַכט פאַבריקן, באַנען, שאָסייען; בילדונג, וואָס לערנט אַרבעטן — זיך און די וועלט צום נוצן, אויך די בילדונג, וואָס מאַכט דעם מענטש ערלעך און גוט”. דער דאָזיקער רוף איז דוכט זיך מער ווי צו מיין וויטעבסקער קרייז ניט דערגאַנגען. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן פון ערגעץ ניט, עס האָט זיך ניט אָנגעהויבן עפּעס צו טאָן. אָבער צו זיין זון, דעם סטודענט, פלעגן קומען פריינד סטודענטן, און צו זיי האָט פרץ גערעדט און אַנטוויקלט זיינע אידעען פון בילדונג פאַרן פאָלק. ער איז געפעלן געווען די יונגע סטודענטן. אַ הויך־געבילדעטער, זייער גייסטרייכער מענטש, וואָס רעדט גאַנץ גוט רוסיש און גאָר גוט פויליש און קען אויך דייטש, און איז שטאַרק באַלייענט אין דער וועלט־ליטעראַטור, אַזוי אַז מען קאָן וואָס אָפּלערנען פון אים, אַ נאָש טאָן ביי אים. דערצו אַזוי יונג אין זיין גאַנצן האַלטן זיך, ייִנגער פאַר זיין זון דעם סטודענט, מיט וועלכן ער פלעגט זיך באַנעמען ווי מיט אַ חבר. דאָס אַלץ האָט שטאַרק אימפּאָנירט, און די סטודענטן האָבן זיך גוט צוגעהערט צו זיינע רייד. די מער ייִדישע צווישן זיי האָבן זיך ענדלעך אַרויסגערופן צו העלפן אים אין זיין פּראָגראַם.

דאָס זענען געווען צוקונפטיקע מעדיקער אָדער אַדוואָקאַטן. קיינער פון זיי וואָלט ניט געקאָנט ברענגען דעם פאָלק אַ „בילדונג, וואָס לערנט אַרבעטן”. אָבער אין פויליש און דער עיקר אין רוסיש זענען פאַראַן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכלעך, וועלכע מען וועט איבערזעצן אויף „זשאַרגאָן”. דאָס זענען געווען ייִדישע סטודענטן פון פוילן און ליטע, אָבער אַלע זענען זיי געווען שוואַך אין ייִדיש. דאָך דאָס מאַכט ניט פיל אויס: פרץ וועט זיין דער רעדאַקטאָר, און ער וועט שוין זאָרגן פאַר דער גוטסקייט און גענויקייט פון דער שפּראַך אין די ביכלעך. אָבער די ביכלעך מוזן דאָך האָבן אַ ריכטונג. נייע ווינטן בלאָזן. דאָס פאָלק דאַרף אויפקלערונג. וואָס זאָל זיין די אויפקלערונג? דאָס מוז אַרומגערעדט ווערן, דעבאַטירט ווערן. די קליינע גרופּע סטודענטן איז געווען צעטיילט אין ריכטונגען, און אַיעדער איז געשטאַנען פאַר זיין ריכטונג. זענען אַוועק לאַנגע וואָכן פון דעבאַטן. פרצן האָט געוואָרפן אין היץ און אין קעלט, ער האָט זיך אָנגעהויבן צו מיאש זיין. עס וועט שוין צו קיין ביכלעך ניט קומען. אין אַ בריוו צו מיר האָט ער אַרומגעשריבן די אייביקע, צו גאָרנישט פירנדיקע דעבאַטן און געבעטן, איך זאָל אים צושיקן די אַדרעסן פון מיינע וויטעבסקער פריינד.

ער וועט זיך מיט זיי צונויפשרייבן וועגן דעם ענין: אפשר וועלן זייערע ענטפערס מיט עפּעס אַרויסהעלפן די סטודענטן. אָדער וויל איך זיך מיט זיי צונויפשרייבן?

אָבער איך האָב געטאָן עפּעס אַנדערש. איך האָב פאָרגעלייענט פּרצעס בריוו פאַר צוויי קאָלעגן, סטודענטן פון דער ווינער אוניווערסיטעט. איינער פון זיי איז געווען ח. ד. הורוויץ, שפּעטער ד"ר הורוויץ, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אַלס זשורנאַליסט אונטער זיין פּסעוודאָנים „אַ סוחר". דער צווייטער איז געווען חיים קוצי, שפּעטער אין אַמעריקע — פּראָפעסאָר טשאַרלז קונץ, פירער פון דעם איקאָר און טוער פאַר ביראָבידזשאַן. דער בריוו איז געווען ביטער, פול ווייטיק: נוצלעכע פאָלקסאַרבעט ווערט משונהדיק פאַרשלעפּט! ער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף דיביידע, ווי אויף מיר, און מיר האָבן באַשלאָסן צו טאָן די אַרבעט. דאָס איז געווען קורץ פאַר מיין אָפּפאָר פון ווין, און איך האָב געקאָנט מיטנעמען מיט זיך קיין וואַרשע אַ פּאַרטיקע פּראָגראַם פאַר ביכלעך, וואָס דאַרפן אַריינטראָגן אין די פינצטערע מאַסן „ליכט און אויפקלערונג", און אויך ליבע צו אַרבעט, דער עיקר צו ערדאַרבעט, צו וועלכער חיים קוצי, וואָס האָט געשטאַמט פון בעסאַראַביע, האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג.

פּרץ האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם „ווינער דאָקומענט". דאָס איז דאָך, וואָס ער וויל! וואָס דרייען די סטודענטן אַ קאָפּ? די סטודענטן האָבן אויפגעהערט צו דרייען אַ קאָפּ: אויך זיי האָבן אָנגענומען די ווינער פּראָגראַם. עס האָבן אויפגעהערט די דעבאַטן, פון ווערטער איז מען אַריבער צו מעשים. מען האָט צעטיילט טעמעס צווישן זיך. ווער עס האָט זיך אונטערגענומען צו שרייבן אָריגינעל און טיילן זיך מיט דעם עולם מיט דעם וויסן, וואָס ער פאַרמאָגט, און ווער עס האָט גענומען אויף זיך צו באַאַרבעטן עטוואָס פון די פּאָפּולאַריזירונגען אין רוסיש אָדער פּויליש. פּרץ האָט גענומען אויף זיך סאָציאָלאָגיע, אויף מיין חלק איז אויסגעפאַלן זאָאָלאָגיע. אויסער דעם איז אויף מיר, דעם צושטעלער פון דער ווינער פּראָגראַם, אַרויפגעלייגט געוואָרן אָנצושרייבן אַן אַריינפיר צו דער גאַנצער אונטערנעמונג אין דער פאָרעם פון אַ דערציילונג, וואָס וועט זיין געדרוקט אין אַ לוח, וועלכן דער פאַרלאַג וועט אַרויסגעבן אַלס רעקלאַמע פאַר זיינע צילן און פאַר די ביכלעך, וואָס ער וועט אין גיכן אַרויסגעבן. דער נאָמען פון דעם פאַרלאַג י. ל. פּרץ'ס אויסגאַבן איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן, און איינשטימיק איז באַשטימט געוואָרן פּרץ אַלס דער רעדאַקטאָר פון דעם פאַרלאַג.

איך האָב פאַרגעסן דעם נאָמען פון דער גאַס און דעם נומער פון דעם הויז, ווו די לעצטע זיצונג איז פאָרגעקומען. אָבער איך זע פאַר זיך דאָס צימער אין וועלכן מיר זענען געווען און זע די גאַנצע חבריא, די אוניפאָרמירטע סטודענטן, וואָס האָבן געמאַכט אַ שריט אויף דעם וועג צו די יידישע פאָלקסמאַסן. אָבער דער עיקר זע איך אים, פּרצן, אַזאַ אויפגעלעבטן, פריילעכן, אַרומבאַוועגנדיק זיך אין דעם ענגן צימער מיט אַ שיינענדיקן געזיכט, פול וויץ און שלאָגווערטער און געלעכטער, פאַרגעסנדיק דאָס ביטערע האַרץ, וואָס ער האָט געטראָגן אויף די דאָזיקע אינטעליגענטן, וועלכע ווילן בעסער ריידן, ווי טאָן עפּעס.

איך בין אַוועקגעפאָרן פון ווין מיט דער כוונה אומצוקערן זיך צוריק און האָב איבערגעלאָזן בריוו און מאַנוסקריפּטן ביי מיין צימער־שכן, דעם שפּעטער באַרימט געוואָרענעם מוזיקער און כאָרמייסטער דזימיטראָווסקי ע"ה. איך האָב זיך אין ווין ניט אומגעקערט, און אויך דזימיטראָווסקי האָט פאַרלאָזן ווין. מיין פּעקל פּאַפּירן איז





פאַרשוווּנדן, און אין אים פּרצעס בריוו, וועלכער איז געווען אַ זעלטענער אויסדרוק פון זיין ליבע צום יידישן פאָלקס־מענטש. די פרייד וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אין יענעם נאָכמיטאָג, ווען זיינע סטודענטן זענען אַריבער פון ווערטער צו מעשים, איז געווען אַן אויפּאָטעמען, אַ באַפרייען זיך פון דער ביטערקייט, וואָס ער האָט אַרויס־געשריִען קעגן זיי אין דעם בריוו. ער האָט זיך אַרומבאַוועגט צווישן זיי ווי אין טאַנץ, באַרירט מיט יעדן איינעם די טעמע, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן, געגעבן אַן אָנווייז, אַ ווונק, ווי מען דאַרף זי באַהאַנדלען. באַוויזן, אַז ער איז אין אַלע טעמעס ניט קיין פרעמדער. ער וואָלט דוכט זיך אַלעמען געקאָנט קושן, אָבער מיך האָט ער גאָר ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך. איך האָב אים געמוזט באַגלייטן אַהיים. וואָס ער האָט מיר ניט געזאָגט אויף דער זיצונג, האָט ער מיר געזאָגט איצטער, פירנדיק מיך אונטערן אָרעם. ער רעכנט שטאַרק אויף מיר, איך וועל אים מוזן העלפן אין דער רעדאַקציע דער עיקר מיט איבערזעצן די מאַנוסקריפּטן, וואָס וועלן צוגעשטעלט ווערן אין רוסיש. איך בין געווען גליקלעך צוצוזאָגן אים מיין פולע מיטאַרבעטערשאַפט. ליידער זענען מיר ביידע געבליבן אָן אַרבעט.

סוף 1893 האָבן אַלע געדאַרפט צושטעלן זייערע אַרבעטן. סוף יאָר איז געקומען, און די אַרבעטן זענען ניט צוגעשטעלט געוואָרן. נאָר פּרץ האָט געהאַט פאַרטיק אַ קליינע אָפּהאַנדלונג וועגן סאָציאָלאָגיע (זי איז אַריין אין דעם זאַמלבוך ליטעראַטור און לעבן), און איך האָב צוגעשטעלט די אָפּן — אַן אָפּהאַנדלונג וועגן מאַלפּעס, באַאַרבעט נאָך ברעהמס אילוסטרירטעס טירלעבן, מיט אַריינגעשמוגלטע רעוואָלוציאָנערע אָנדייטונגען און אַפּיקורסישע אָנצוהערענישן, — און די דערציילונג רב שלמה, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער אַריינפיר אין דער אונטערנעמונג. מיינע ביידע אַרבעטן זענען טאַקע באַלד אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטער דער פירמע י. ל. פּרץ'ס אויסגאַבן, אָבער די אַנדערע אַרבעטן זענען קיין מאָל ניט צוגעשטעלט געוואָרן. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר נאָך געפּרוווט מאָנען פון אונדזערע סטודענטן, זיי זאָלן האַלטן וואָרט. זיי האָבן קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט, באַרופן זיך אויף שוועריקייטן אין זייער שטודירן, געבעטן געדולד, אָבער עס איז געשען נאָך עפּעס ערגערס. עס זענען געקומען די קאַניקולעס פון זומער 1894. די סטודענטן זענען זיך צעפאָרן אויף דער פּראָווינץ מיט דעם צוזאָג, אַז איבערן זומער וועלן זיי אַרבעטן אויף זייערע טעמעס און וועלן אויך העלפן פאַרשפּרייטן די אָפּן און רב שלמה. אָבער זיי זענען געקומען צוריק אָן זייערע אַרבעטן, אָן די ביכלעך, וואָס זיי האָבן גענומען צו פאַרשפּרייטן, און אָן דעם געלט, וואָס זיי האָבן אויסגעלייזט פאַר די ביכלעך. דאָס איז געווען דער מיאוסער סוף פון דעם פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכן פאַרלאַג, און פּרץ איז ווידער געוואָרן זייער ביטער.

5

אָבער ער האָט קיין צייט ניט געהאַט צו עסן און ערגערן זיך. עס זענען אויפגעקומען נייע פּלענער פאַר ליטעראַרישע אויסגאַבעס, נייע וועגן צום פאָלק. און ער איז געלעגן אין זיי מיט זיין גאַנצן מהות.

מיר איז געלונגען צוזאַמענברענגען פּרצן מיט דעם אונטערנעמערישן מרדכי ספּעקטאָר. זיי האָבן זיך געקענט פון לאַנג, אָבער געהאַלטן זיך פון וויטן. פּרצן איז געווען לאַנגווייליק מיט דעם פּראָסטאַק ספּעקטאָר, און ספּעקטאָר האָט געהאַלטן, אַז פּרץ איז עפּעס אַ ליטעראַרישע פאַרבלאָנדזשעניש — אַ מיינונג וועלכע ער האָט געטיילט

מיט זיין ליטעראַרישן קרייז, צו וועלכן עס האָבן געהערט שלום־עליכם און דוד פרישמאַן. אָבער איך בין געווען אַ בן־בית ביי ספּעקטאָרן, כאָטש ער האָט געוווסט, אַז איך האַלט שטאַרק פון פּרצן און האַלט ווייניק פון אים. מיר האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געדאַרפט. ער האָט געדאַרפט מיין אַרבעט, און איך האָב געדאַרפט זיין געצאָלט. ער האָט זיך געקליבן אַרויסצוגעבן אַ קאַלענדאַר אויף דאָס יאָר תּרנד, און איך האָב געדאַרפט איבערזעצן פאַר אים וויצן פון דייטשע וויצבלעטער. גלייכצייטיק האָט ער זיך געקליבן אַרויסצוגעבן אַ קאָכבוך פאַר ייִדישע פרויען, און איך האָב געדאַרפט איבערזעצן פאַר אים אַ דייטשן קאָכבוך און באַזאַלצן און באַפּעפערן אים רעכט ייִדישלעך. (אין די ביידע אַרבעטן האָב איך געהאַט אַלס שותּף דעם איצטער פאַרשטאָרבענעם שריפטשטעלער יצחק גוידאָ, וואָס האָט אָנגענומען אין אַמעריקע דעם נאָמען ב. גאָרין, און פאַר ביידן זענען די דאָזיקע אַרבעטן געווען אַ גוטע שולע אין ייִדיש). אָבער עס איז געווען נאָך אַ סך אַ וויכטיקערע סיבה, פאַר וואָס איך האָב זיך צוגעבונדן צו ספּעקטאָרן.

אין יולי 1893 איז געקומען צו פאָרן צו ספּעקטאָרן פון בעסאַראַביע זיין שוועגערין האָדל קויפמאַן, אַ יונגע אַכטצניעריקע מיידל, אַ שיינהייט. אַ האַלבע שעה נאָך איר אָנקום אין וואַרשע האָט עס מיך אָנגעטראָגן צו ספּעקטאָרן. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אונדזער סוף. זי איז אויך געווען אַ מאָטיוו אין צוזאַמענברענגען פּרצן מיט ספּעקטאָרן. ווען זי איז אָנגעקומען אין וואַרשע, איז פּרץ געווען אין אָטוואָצק אויף דאַטשע. ווען ער איז געקומען סוף זומער אַהיים, האָב איך אים דערציילט, אַלס איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן, וועגן דעם אָנקום פון ספּעקטאָרס שיינער שוועגערין, און ער מעג מאַכן אַ באַזוך ספּעקטאָרן און אָנקוקן זי. און וואָס נאָך מער: אָט די מיידל פון דעם קלייניקן שטעטל סעקוריאַני אין בעסאַראַביע האַלט מער פון פּרצן ווי פון איר שוואָגער ספּעקטאָר! פּרץ האָט זיך פאַראינטערעסירט, אָבער יעמאָלט האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב פאַר אים אַ שליחות.

ספּעקטאָר האָט זיך באַרימט געמאַכט אַלס רעדאַקטאָר און פאַרלעגער מיט זיין זאַמלבוך דער הויזפריינד, וואָס איז געווען אַ פאָרלויפער פון שלום־עליכמס יודישע פאָלקסביבליאָטעק און פּרצעס יודישע ביבליאָטעק. עס זענען דערשינען פון דעם הויזפריינד צוויי בענד, און אין 1893 האָט ספּעקטאָר אָנגעהויבן צוזאַמענשטעלן דעם דריטן באַנד. ער האָט שוין געהאַט צוויי דריטל פון דעם דריטן באַנד פאַרטיק און איז געבליבן שטעקן, ניט געהאַט מיט וואָס צו פאַרענדיקן. אין יענער צייט איז ער באַקאַנט געוואָרן מיט מיר, איך האָב ביי אים שטאַרק אויסגענומען, אַזוי אַז ער האָט מיר אָנגעבאָטן צו פאַרענדיקן דעם באַנד, און איך האָב דעם אָנבאָט אָנגענומען. האָב אַרייַנגעגעבן מיין דער גרויסער מענטשנפריינד, אויפגעשריבן אַ שאַרפן פּאָלעמישן אַרטיקל קעגן זאב יעבצעס ייִדישע געשיכטע־שרייבעריי אונטער אַ קעמפערישן טיטל אויף מלחמה מיט דעם הינטער־פּיסלעך־טאַנץ, פאַרטיק געמאַכט עטלעכע רעצענזיעס און צום סוף אויך אַ פעליעטאָן אויף דער פּראָווינץ. איידער איך האָב איבערגעגעבן ספּעקטאָרן מיין פּאָלעמישן אַרטיקל, האָב איך אים איבערגעלייענט פאַר פּרצן און אַרויסגעקראָגן זיין פולסטע הסכּמה. שוין לאַנג צייט געווען צו נעמען די פאָלקספאַרבלענדער אויפן צימבל! ספּעקטאָרן איז אויך געפעלן געוואָרן דער אַרטיקל, אָבער אַ סך מער איז אים געפעלן דער פעליעטאָן אויף דער פּראָווינץ, וועלכער איז געווען אַ נייע זאַך אין דער דעמאָלטיקער ייִדישער ליטעראַטור.





ווען איך בין שוין געווען פאַרטיק מיט מיין אַרבעט, און די אַרטיקלען זענען אַלע אַוועק אין דרוק, דערקלערט מיר זיין שיינע שוועגערין בסוד, אַז די קריטיק אויף יעבצן וועט ניט זיין געדרוקט. ספּעקטאָר האָט געגעבן דעם אַרטיקל עמעצן צו לייענען און דער עמעצער האָט אים געראָטן דעם אַרטיקל ניט אַרייַנצוגעבן. אָבער איך דאַרף וויסן, אַז ער איז שטאַרק באַגייסטערט פון דעם פעליעטאָן און באַרימט זיך מיט אים פאַר וועמען ער קאָן נאָר. דערפאַר איז איר עצה, אַז כּדי די קריטיק זאָל דאָך אַריין אין זאַמלבוך, זאָל איך זען אַרויסצוקריגן פון אים דעם פעליעטאָן און ניט אומקערן אים צוריק, ביז די קריטיק וועט ניט זיין אויסגעזעצט. איך וואָלט די מיידל גלייך געקאָנט צעקושן, אָבער איך בין נאָך מיט איר ניט געווען זיכער. ווי אַרויסצוקריגן דעם פעליעטאָן־מאַנוסקריפּט פון ספּעקטאָרן, אויף דעם האָט זי שוין קיין עצה ניט געהאַט. זי וואָלט אים געקאָנט אַוועקגנבענען, אָבער דאָס וועט זי ניט טאָן און איך וואָלט עס ניט פאַרלאַנגט. מיר איז ענדלעך איינגעפאַלן, אַז פּרץ וועט מיר קאָנען העלפן. ווען ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן ספּעקטאָרן אַ באַזוך צוליב דער שיינער שוועגערין, האָב איך אים דערציילט די געשיכטע מיט מיינע מאַנוסקריפּטן און ווי ער קאָן מיר דאָ אַרויסהעלפן. ווען מיר וועלן זיין ביי ספּעקטאָרן, וועל איך זען, אַז ספּעקטאָר זאָל אים געבן איבערלייענען דעם פעליעטאָן. פּרץ וועט דערנאָך זאָגן, אַז ער האָט פאַר מיר נאָך אַ פּאָר מעשׂיות פון דער פּראָווינץ, פון וועלכער ער קומט איצטער. איך וועל אַרויסבאַקומען דעם מאַנוסקריפּט אויף אַרייַנצופלעכטן, וואָס פּרץ וועט מיר דערציילן, און וועל ווערן באַלעבאָס אויף דער סיטואַציע. פּרץ איז איינגעגאַנגען אויף דעם.

ספּעקטאָר האָט אָנגענומען פּרצעס באַזוך־אָנזאָג מיט גרויסער צופרידנקייט. פּרץ מעג טאָקע זיין אַ שוואַכער שרייבער, אָבער ער איז אַ שטאַרקער מבֿין אויף פרויען־שיינקייט, און ספּעקטאָר האָט געהאַט מיט וואָס צו באַרימען זיך פאַר אים. ער, דער גרויש, האָט אָנהייב יאָר חתונה געהאַט מיט אַ יונגער, שיינער גרושה, וועלכע מען מעג קומען אָנקוקן, און איצטער איז געקומען צו איר איר ייִנגערע שיינע שוועסטער. פּרץ מעג ניט האַלטן פיל פון ספּעקטאָרס געדרוקטע ראָמאַנען, אָבער ער וועט מוזן באַוווּנדערן זיין געשמאַק און וועט געוויס מקנא זיין זיין מזל צו האָבן אַרום זיך אַזעלכע צוויי קראַסאַוויצעס.

דער באַזוך איז געווען אַ גרויסער אַלזייטיקער דערפאָלג. פּרץ האָט געוואָלט געפעלן ווערן און איז געפעלן געוואָרן. ער איז געווען געשפּרעכיק, וויציק, גאַנץ שמייכל און קורצער אויפלאַך (ער האָט בכלל זעלטן געלאַכט הויך). ספּעקטאָר האָט געלויכטן איבערן גאַנצן פּנים, ווייל זיין פרוי און זיין שוועגערין האָבן שטאַרק אויסגענומען, און ער איז אין דעם פּרט איצטער געוויס איבער פּרצן. און איך האָב זיך געפרעגלט, וואָס מיין מיידל לייכט אַזוי און איז זייער געפעלן און וואָס איך האָב אַרויסגעקראָגן דעם מאַנוסקריפּט (ספּעקטאָר האָט אים ניט געקראָגן צוריק, ביז איך האָב ניט געזען מיין יעבץ־קריטיק אין דרוק. אָבער יעמאָלט ערשט האָט ספּעקטאָר זי צעקריפּלט, אויסהאַקנדיק און אויסקראַצנדיק גאַנצע שורות, און אונטערגעשריבן „פלוני. פּעטערבורג...״)

דער גרעסטער דערפאָלג איז געווען דאָס, וואָס פּרץ איז זיך צונויפגעקומען מיט ספּעקטאָרן. דאָס האָט געבראַכט צו אַנטוויקלונגען, וועלכע מיר האָבן ניט געקאָנט פאָרויסזען, צו אַ ליטעראַרישער טעטיקייט, וואָס איז געוואָרן אַן עטאַפּ אין פּרצעס און אויך אין מיין לעבן. געבראַכט צו די יום־טובֿ־בלעטלעך, וואָס זענען געוואָרן עפּאָכע.

דערלויבן, און פּרץ איז אַרומגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער, ווי אַ גאַנץ גרויסע זאַך שטייט אים פאָר.

אין דער אייגענער צייט איז אונדז טאַקע פאָרגעשטאַנען אַ גאָר גרויסע זאַך: אַ דערלויבעניש אויף אַ טעגלעכער צייטונג! ספּעקטאָר האָט געהאַט גרויסע פאַרבינדונגען אין פּעטערבורג, געלטמענטשן און גרויסע קנאַקערס אין די רעגירונג־קרייזן. זיי האָבן זיך אונטערגענומען צו שאַפן אים די דערלויבעניש אויף אַ טעגלעכער צייטונג אין ייִדיש. עס האָט זיך געפירט אַ נערוועזע קאָרעספּאָנדענץ, טעלעגראַמעס זענען געפלויגן. פון פּעטערבורג זענען אָנגעקומען גאָר פריילעכע ידיעות, אָט־אָט, און די דערלויבעניש וועט זיין אין אונדזערע הענט. געהאַלטן שוין אַזוי ווייט און אַזוי זיכער, אַז איין נאַכט האָבן מיר אַלע דריי דורכגעוואַכט ביי פּרצן אין דער היים, אויסאַרבעטנדיק די פּראָגראַם פון דער צייטונג, איינטיילנדיק צווישן זיך די אַרבעטן אין רעדאַקציע און אין דער אַדמיניסטראַציע. מאָרגן, העכסטנס איבערמאָרגן, וועט אָנקומען פון פּעטערבורג די פריידיקע טעלעגראַם. דאָס איז געווען קורץ פאַר פּסח. פרילינג, אויפלעבונג און אַ וווּנדערבאַרער חלום. עמעצער האָט זיך אין דער לעצטער מינוט אַריינגעמישט און קאַליע געמאַכט.

„געווען גוט אַ ביסל אַ פּלי טאָן זייער הויך,” איז געווען פּרצעס באַמערקונג, און מיר האָבן זיך אומגעקערט צוריק צו אונדזערע יום־טוב־בלעטלעך. דאָס ערשטע יום־טוב־בלעטל לכבוד פּסח איז ערשט אַרויס פון דרוק. די נאַכט, ווען דאָס בלעטל איז אַרויף אויף דער דרוקמאַשין, איז ביי אונדז געווען אַ וואַכנאַכט. פּרץ און איך האָבן עס צוגעבראַכט אין דער דרוקעריי, ביז מיר האָבן געקאָנט מיטנעמען מיט זיך צוויי פּאַרטיקע עקזעמפּלאַרן. פּרץ האָט זיך אַרומבאַוועגט איבער דער שלעכט באַלויכטענער און שלעכט ווענטילירטער דרוקעריי, ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט, ניט אַרויסגעלאָזט דעם פּאַפּיראָס פון מויל, געלאַכט און געוויצלט זיך. ווען דער ערשטער בויגן איז אַראָפּ פון דער מאַשין, האָט ער זיך געלאָזט מיט אים טאַנצן און גלייך גענומען אים לייענען, כאָטש ער האָט גוט געוווּסט יעדע זאַך אין אים. אָבער ווי וועלן זיך די זאַכן לייענען איצטער געדרוקטע? וואָס פאַר אַן איינדרוק ווערלן זיי מאַכן? ווי ווערלן זיי זיך אָנזען?

אין דעם דאָזיקן ערשטן בלעטל האָט פּרץ געהאַט אַ קליינעם אַרטיקל אויף דער ערשטער זייט: עס גייט צו פּסח (דאָס בלעטל שטעלט זיך פאָר פאַר די לייענער און ווינטשט זיי, אַז זיי זאָלן „אויפס יאָר דעם גאַנצן מה נשתנה מיט דעם עבדים היינו” פאַרגעסן), אַ ליד חרוסת און אַ מעשהלע די רויז — אַן אַלעגאָריע אויף אַ מיידל, וועלכע בענקט נאָך ליבע און שטאַרבט אין אַנטוישונג. אַ טעמע, צו וועלכער פּרץ האָט זיך אַ סך מאָל אומגעקערט אין ליד, דערציילונג, שפּעטער אויך אין דראַמאַטישער פאָרעם און ענדלעך אויך אין ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק. דאָס מעשהלע די רויז האָט ער געהאַט שוין לאַנג אָנגעשריבן און, כאָטש ער האָט שוין געהאַט נייע זאַכן אויף דער דאָזיקער טעמע, האָט ער געוואָלט, די רויז זאָל זיין געדרוקט צו ערשט. זי איז פאַר אים געווען די קווינטעסענץ פון דער דאָזיקער טעמע.

ער איז שטאַרק געשפּאַנט געווען, ווי וועט דער עולם אויפנעמען די מעשה, געוואָלט זי זאָל געפעלן און איז געווען אַנטוישט, ווען דער אָפּרוף איז ניט געווען קיין גינסטיקער, און אַפילו באַליידיקט און אויפגעבראַכט, ווען די קריטיק האָט זיך דערלויבט אָפּצולאַכן פון איר. דער העברעיִשער פאַרלאַג אחיאסף האָט אויף זיך גענומען





צו באַקעמפן די בלעטלעך, וועלכע האָבן אָנגעהויבן אויסצוזען געפערלעך, דאָס בעסטע קאַמפּסמיטל איז געלעכטער, און דוד פרישמאַן האָט זיך גענומען צו פאַרלאַכן די בלעטלעך צום טויט. אונטער דעם נאָמען גאָלדבערג האָט ער אין אַ בלעטל לאָקשן, וואָס האָט אויסגעזען אין פאָרמאַט און דרוק פּונקט ווי די יום־טוב־בלעטלעך, פאַרחוזקט אַלץ, וואָס איז געווען אין די בלעטלעך, און דער עיקר האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף פּרצעס די רויז. אין בלעטל טרייסט האָט פּרץ רעאַגירט אויף דעם אין אַ פעליעטאָן קראַנקע נערוון (אונטער דעם פּסעוודאָנים „דער לץ פון דער רעדאַקציע”) בזה הלשון: „אַ ניי געבאָרענער ד״ר דע פילאָסאָפיע האָט די רויז ניט פאַרשטאַנען... מאי כולי האי? צי טרעפט איין מאָל, אַז אַ דאָקטאָר דע פילאָסאָפיע פאַרשטייט ניט וואָס ער לעזט און זעצט אַפילו איבער וואָס ער פאַרשטייט ניט? עס איז מעשים בכל יום! און דווקא ניט דעריבער ווייל די זאַכן זענען צו טיף, נאָר ווייל אַ דאָקטאָר דע פילאָסאָפיע איז טייל מאָל אַזוי פלאַך, אַזוי פליטקע, אַז עפּעס טיפערס קאָן זיין מוח ניט כאַפּן... איז אָבער דער דאָקטאָר דע פילאָסאָפיע אַזוי נערוועז, אַז ער מוז אויפשרייבן ,לאָקשן׳, און עס טרעפן נאָך אַזוינע נערוון־קראַנקע, וואָס באַצאָלן דערפאַר...” כדי צו פאַרשטיין דעם שפּיץ פון פּרצעס ענטפער, דאַרף מען וויסן, אַז דוד פרישמאַן האָט יעמאָלט געלאָזט אָפּדרוקן וויזיט־קאַרטן מיט דעם טיטל — „דאָקטאָר דע פילאָסאָפיע” ביי זיין נאָמען — אַ טיטל, אויף וועלכן ער האָט קיין רעכט ניט געהאַט, ווייל ער האָט אים פון קיין אוניווערסיטעט ניט באַקומען... ווי די מעשה איז, פרישמאַנען איז ניט געלונגען צו פאַרלאַכן די יום־טוב־בלעטלעך צום טויט, און נאָך אַ צווייטן פּאַראָדיע־בלעטל האָט אחיאסף אָוועקגעלייגט דעם וואָפן.

## 6

מיר האָבן טריומפירט. דער אָנפאַל אויף די בלעטלעך האָט באַוויזן, אַז זיי טרעפן אין ציל. וואָס דער אָנפאַל האָט זיי ניט געשאַט נאָר אַפילו גענוצט האָט באַוויזן, אַז זיי שטייען פעסט, נעמען זיך אָן, שלאָגן וואָרצלען. אָבער שוין די צוגרייטונג צום אָנפאַל האָט דערשראָקן ספּעקטאָרן. ער האָט געהאַט אַ סך אויסצושטיין צוליב מיין יעבץ־אַרטיקל אין זיין הויזפריינד און דערפילט, אַז ער איז צו ווייט פאַרקראָכן אין זיין שותפות מיט פּרצן און פינסקין, בעת ער געהערט גאָר צו דער וועלט פון אחיאסף און דוד פרישמאַן. איז ער אַרויס פון די בלעטלעך און אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אייגענע בלעטלעך. אַרויסגעגעבן אַ בלעטל אָדער צוויי און אויפגעהערט. די יום־טוב־בלעטלעך האָבן נאָר געוווּנען פון די אַלע פּרוּוון צו שעדיקן זיי.

אויך פּרץ האָט פּערזענלעך אַ סך געוווּנען. דער אָנפאַל אויף אים איז געווען די בעסטע רעקלאַמע. ער איז געוואָרן מיטלפּונקט. מען האָט אָנגעשטעלט אויף אים שפּאַקטיוון: זעט, דער שרייבער פּרץ האָט זיך פאַרמאָסטן אונטערצוגראָבן יסודות! אונטער די אָנגעשטעלטע שפּאַקטיוון האָט ער ערשט רעכט דערפילט זיינע כוחות. אין אָט די קליינע בלעטלעך האָט ער גרויס אַ וואַקס געטאָן.

ווי ער האָט אין זיי צעפירט די הענט! ער האָט זיך פאַרזען מיט אַכט פּסעוודאָנימען: פּלאי, לאָמפּנפּוצער, לצפר, לץ פון רעדאַקציע, ניט קיין בטלן, ד״ר שטיצער, היתום מנעמיראָוו, בן תמר. אונטערגעשטעלט זיי אונטער לידער, דערציילונגען, קריטיקן, וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען, פעליעטאָנען און אָנגעפילט בלעטל נאָך בלעטל. עס האָט זיך אים געשריבן. אַפילו אין דער גמיגע, ווען נאָר אַ פרייע מינוט, איז ער געשטאַנען

מיר זענען געווען געדיכט אין דעם געשפּרעך, האָט זיך פּרץ צוריקגעצויגן פון אים און פאַרנומען זיך מיט שׂרה צוקערמאַן. ווען מיר זענען אַרויס פון קאַפע, האָט ער פאָרגע־שלאָגן, אַז ער וועט אָפּפירן פריילין צוקערמאַן אַהיים און פאַרענדיקן מיט איר זייער געשפּרעך, און איך וועל אָפּפירן פריילין גאָלדע און פאַרענדיקן מיט איר אונדזער גע־שפּרעך. אַזאַ פאָרשלאַג איז באַשלוס. איך אויף מיין וועג האָב טאַקע פאַרענדיקט מיין געשפּרעך און געבראַכט מיין באַגלייטערין צו איר היים, אָבער פּרץ האָט אויף זיין וועג געמאַכט זיין באַגלייטערין אַ ליבע־דערקלערונג, פאַר וועלכער זי האָט אים געלאָזט שטיין און אַוועקגעאיילט פון אים.

זי האָט דאָס מיר אויף מאָרגן דערציילט, אויפגערעגט און היסטעריש, און איך האָב געפילט, אַז זי דערציילט מיר ניט אַלץ, אַז זי שעמט זיך אפשר אַלץ צו דערציילן. איך בין אין איר ניט געווען פאַרליבט און האָב אויף פּרצן ניט געדאַרפט אייפערזיכטיק ווערן. אָבער די גאַנצע זאַך האָט זיך מיר ניט געגלויבט. ווי איז עס מעגלעך, אַז פּרץ, מיין פּרץ, דער אויפקלערער, דער קעמפער, דער יום־טוב־בלעטלעך־פּרץ זאָל זיך אַזוי באַנעמען! נאָר שׂרה צוקערמאַן האָט דאָך געוויס ניט אויסגעטראַכט אַזאַ מעשׂה, און וואָס זי האָט דערציילט שטימט מיט דעם, וואָס פּרץ האָט מיך געשטופּט אין די אָרעמס פון דער גאָלדע... איז ווי זאָל איך מיך האַלטן מאָרגן, ווען איך וועל קומען צו אים? די בעסטע זאַך מאַכן זיך ניט־וויסנדיק. זי האָט עס מיר ניט דערציילט...

איך בין אַריינגעקומען צו אים מיט געשעפטווערטער און די גאַנצע צייט געהאַלטן זיך אַזוי, אַז ער האָט געמוזט אָננעמען, אַז איך ווייס גאָרנישט. אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: „פּינסקי, איר האָט גרויסן ערפאָלג ביי פרויען. די שׂרה צוקערמאַן איז אין אייך שטאַרק פאַרליבט, איבער די אויערן. אסתּר גאָלדע איז אויפן וועג צו פאַרליבן זיך אין אייך, און מאַדאַם העלענע פּרץ האָט אייך אויך ליב... זי זאָל ליב האָבן אַ ליטוואַק איז גלאַט אַ וווּנדער...” אויף מיין פראַגע, פון וואַנען ווייס ער, אַז שׂרה צוקערמאַן איז פאַרליבט אין מיר און נאָך שטאַרק, האָט ער געענטפערט: „זי האָט עס מיר אַליין געזאָגט, און אַז איך האָב זי געוואָלט אַ קוש טאָן, האָב איך געהאַט אַ בייזן סוף...”

איצטער האָב איך געוווּסט, וואָס שׂרה צוקערמאַן האָט באַהאַלטן פון מיר. איך האָב זי נאָך אַ פּאָר מאָל באַזוכט און אויפגעהערט צו טרעפן זיך מיט איר, ווייל דעמאָלט איז שוין געווען אין וואַרשע ספּעקטאָרס שיינע שוועגערין.

אָבער אויך מיט ספּעקטאָרס שוועגערין האָט פּרץ געפּרוּווט אַ פלירט טאָן. דאָס איז שוין געווען נאָך מיין אָפּפאָר אין בערלין. מאַדאַם פּרץ, וועלכע האָט זיך באַצויגן פריינדלעך צו מיר, האָט געליבט מיין האָדלען. זי פלעגט זי איינלאַדן צו זיך און אָפט אויך קומען נאָך איר און נעמען זי צו זיך. פּרץ איז געווען שטאַרק צופרידן פון אירע אָפטע באַזוכן, נאָר ער האָט געוואָלט, זי זאָל ניט זיין אַזוי קאַלט צו אים און צוריקגע־צויגן. ווען ער האָט איר קעלט ניט געקאָנט פאַרטרייבן — זי האָט געוווּסט די מעשׂה מיט שׂרה צוקערמאַן —, האָט ער געוואָלט אויסגעפינען, צי ספּעקטאָרס שיינע שוועגערין איז אַזוי קאַלט, ווייל ער, פּרץ, דער עלטערער מענטש, אינטערעסירט זי ניט, אָדער ווייל זי איז טאַקע שטאַרק פאַרליבט אין פּינסקין. האָט ער געפּרוּווט אַראָפּזעצן מיך אין אירע אויגן. נאָך אַלעם דעם איז פּינסקי בלויז אַן אָנפאַנגער, און זי האָט געדאַרפט ליבן אַ שוין געמאַכטן, אַ ווערטפולערן. מיין האָדל איז מער זיין שוועל ביט אַריבער, ניט





קוקנדיק אויף אַלע פאַרבעטונגען פון מאַדאַם פּרץ. ערשט פאַר איר אָפּפאָר צו מיר אין בערלין איז זי אַריינגעקומען צו די פּרצעס צו געזעגענען זיך מיט זיי. ער איז געווען זייער גערירט, געווונטשן איר גליק, פאַרזיכערט זי, אַז קיין בעסערן און ווערטפולערן האָט זי ניט געקאָנט אויסקלייבן און אַז דאָס זאָגט ער שוין ניט אויף צופלייסן. ווען קורץ נאָך איר אָנקום האָב איך אויפגעשריבן מיין דערציילונג ל י ב ע (דריטע דערציי־לונג אין ערשטן באַנד פון מיינע דערציילונגען), האָט פּרץ מיר געשריבן, אַז מען קאָן דערקענען, ווער עס געפינט זיך לעבן מיר. (דעם דאָזיקן בריוו ווי אויך אַלע אַנדערע בריוו, וועלכע איך האָב געקראָגן פון פּרצן פאַר די פיר יאָר בערלין, האָב איך פאַר מיין אָפּפאָר קיין ניו־יאָרק פאַרפּאַקט צוזאַמען מיט מיין גאַנצער קאָרעספּאָנדענץ — עטלעכע זייער אינטערעסאַנטע בריוו פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, יהודה שטיינבערג, בן ציון גוטמאַן א״אַ — אין אַ קעסטל און אַרויפגעשטעלט אויפן בוידעם איבער מיין דירה אין אַלטאָנער שטראַסע 18. מיין פרוי, וועלכע איז מיר נאָכגעפאָרן דריי חדשים שפּעטער, האָט אין גאַנצן פאַרגעסן דעם בוידעם מיט אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָרטן געהאַט).

7

פון אַ בריוו צו יעקב דינעזאָן פון 23סטן אַפּריל 1894 לייענט מען אַרויס, אַז דינעזאָן האָט עס באַטראַכט ווי אַ „חילול השם”, וואָס פּרץ האָט פאַרבונדן זיין נאָמען מיט ספּעקטאָרס נאָמען, און פּרץ טוט אים צוליב און פאַרשפּרעכט אים, אַז „פון איצט אָן און שטענדיק וועט ספּעקטאָרס נאָמען נישט זיין אויף מיינע אויסגאַבעס”, כאָטש דערמיט הרגעט ער אַוועק „אַן רחמנות די אויסגאַבע, וואָס וועט בלייבן ליגן ווי אַ שטיין...” אין דער צייט, וואָס דאָס ערשטע בלעטל לכּבוד פּסח „איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין לויף פון וואָכן אין צאָל פון 3000 עקז., איז ער זיכער, אַז די איבעריקע וועלן זיך נישט פאַרקויפן...” דער דאָזיקער בריוו, מוז איך זאָגן, איז געשריבן געוואָרן נאָר צוליב שלום־בית מיט דינעזאָנען, ווייל פּרץ האָט געוואָלט האָבן לעבן זיך. דער אמת איז, אַז ספּעקטאָר, ווי איך האָב פריִער דערמאָנט, האָט פאַרלאָזן די יום־טוב־בלעטלעך, ווייל זיי זענען אים געוואָרן צו ראַדיקאַל. די טענדענץ האָט אים פאַרטריבן, אָבער ניט דינעזאָן, וועלכער האָט דאָ געשפּילט אַ מיאוסע ראָלע. און דער אמת איז, אַז אויך די ווייטערע אויסגאַבעס זענען ניט געבליבן „ליגן ווי אַ שטיין”.

terrific success

די יום־טוב־בלעטלעך זענען געוואָרן גרויסער דערפאָלג. בלעטל נאָך בלעטל איז זיך גוט צעגאַנגען. זיי זענען געוואָרן שנעל פּאָפּולער צווישן די מאַסן, מען האָט זיי פלייסיק געלייענט, מען האָט זיי דיסקוטירט. מען האָט געוואַרט מיט אומגעדולד אויף יעדן נייעם בלעטל, און מיט זיי איז געוואַקסן דער נאָמען פּרץ. ער איז געוואָרן אַ וווּנדער־קינד, וואָס קאָן שרייבן אונטער אַכט פּסעוודאָנימען. מען האָט אַפילו אָנגענומען, אַז אויך פּינסקי, וועלכער האָט זיך עפּעס באַוויזן פון העלער הויט, אַ ניט־אָנגעזאָגטער, איז ניט אַנדערש ווי נאָך אַ פּסעוודאָנים פּרצעס. ווען איך בין אַרויסגעפאָרן צו אָרגאַניזירן די „זשאַרגאָן־קאָמיטעטן”, האָט מען אין ווילנע, מינסק און ביאַליסטאָק געהאַט צו מיר טענות, פאַר וואָס איך פאַרלייקן, אַז איך בין פּרץ. אין מיינע רעדעס האָב איך גערעדט וועגן פּרצן, גערעדט באַגייסטערט, ליבנדיק און לויבנדיק. דאָס איז געווען דער בעסטער באַווייז, אַז איך בין דאָס אַליין פּרץ, וואָרעם ווי קאָן עס אַ שרייבער ריידן אַזוי באַגייסטערט וועגן אַן אַנדער שרייבער און וועגן זיך גאָר ניט ריידן?... אין מאַהי־

לעוו און וויטעבסק, ווו מען האָט מיך געקענט, איז געווען דאָס גערייד, אַז איך האָב געמוזט דערציילן, ווי פּרץ זעט אויס און אַז ער איז צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי איך, און אויב איך רייד וועגן אים מיט אַזוי פיל ליבע און באַגייסטערונג, איז עס דערפאַר וואָס ער איז עס ווערט — „והא ראיה, איר אַליין הייבט אָן אַלץ מער און מער צו ליבן אים און אַלץ מער און מער צו באַגייסטערן זיך פאַר אים...״

און דאָס איז געווען גרויסער אמת דער עיקר אין די אַרבעטער־קרייזן. ביי אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטער אין וואַרשע איז אַפילו וואַך געוואָרן אַ פאַרלאַנג צו טרעפן זיך מיט פּרצן, איך האָב זיך אָנגענומען דורכצופירן אַ באַגעגעניש.

פּרץ איז געווען סאָציאַליסטיש געשטימט און צווישן זיינע ייִדיש־פּוילישע פריינד זענען געווען אַ סך, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ.פּ.ס.), ווי די אויבן דערמאָנטע אסתר גאָלדע און איר ברודער. זיינע אויגן און געדאַנקען זענען געווען געווענדט צו אַ נייער וועלט, וועלכע וועט אויפשטיין דורך אַ רעוואָלוציע, ווייל אַנדערש קאָן זי ניט אויפשטיין. ווי גוט, ווען די רעוואָלוציע וואָלט געקומען באַלד, און ער וואָלט זי געזען מיט זיינע אויגן, דורכגעלעבט זי, דורכגעשווידערט און דורכגעיובלט. אָבער ער וואָלט ניט געוואָלט זיין קיין אָנטיילנעמער. ער האָט פיינט געהאַט ברוטאַלן קאַמף, ניט געקאָנט אויפהייבן די האַנט אויף צו געבן אַ פּאַטש. אַפילו מיטן וואָרט איז ער געווען זייער אָפּגעהיט. ער האָט ניט געקאָנט ווערן מיטגליד פון אַ פּאַרטיי, וואָס פריידיקט קאַמף און וועט אין נאָמען פון באַפרייונג און אויסלייזונג נעמען זיך צו ביקסן, באָמבעס און באַריקאַדן.

אַלע זיינע סימפּאַטיעס זענען געווען מיט אונטערגעדריקטע, מיט די באַנטשע שוויגס. אין זיין יוגנט, אין זאַמאָשץ, האָט ער צוזאַמענגענומען ייִדישע בעל־מלאכות און געהאַלטן פאַר זיי לעקציעס וועגן ייִדישער געשיכטע. אין וואַרשע האָט ער עס ניט געטאָן. אין וואַרשע איז געווען אַן אַנדער ייִדישער אַרבעטער, וועלכער האָט געזוכט אַן אַנדער אויפקלערונג. ווען ער האָט געקאָנט פעסטשטעלן, אַז די יום־טוב־בלעטלעך ווערן פּאָפּולער צווישן אַרבעטער, איז ער געווען איבערגליקלעך. ווען איך האָב אים איינגעלאַדן צו אַ פאַרזאַמלונג פון אַרבעטער, וואָס ווילן זיך באַקענען מיט דעם רעדאַקטאָר פון די יום־טוב־בלעטלעך און ליטעראַטור און לעבן, האָט ער אַזש אויפגעפלאַמט איבערן גאַנצן געזיכט, אָבער גלייך פאַרשאָטן מיך מיט פאַרלעגנהייטס־פראַגעס. ווער זענען די אַרבעטער? וואָס זענען זיי? ווי קום איך צו זיי? בין איך זיכער מיט זיי? וואָס וועט ער דאַרפן טאָן? רײדן? פאָרלייענען? דאָך צו דער פאַרזאַמלונג איז ער געגאַנגען אין געהויבנסטער שטימונג.

די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען איין מאָל אין אַן אָוונט אין דער דירה פון מיינע עלטערן, אויף פּאַוויע נומער זעקס. עס זענען זיך צונויפגעקומען אַ מאַן עטלעכע און צוואַנציק פון די אינטעליגענטסטע אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, פּוילישע ייִדן און ליטוואַקעס. די פּוילישע זענען כמעט אַלע געווען מיטגלידער פון דער פּ.פּ.ס. די ליטווישע זענען געווען ס׳רוב קאַנדידאַטן פאַר דעם קומענדיקן „בונד״. אַלע האָבן געקאָנט פרעגן פראַגעס און נעמען אַ וואָרט און פאַרשטיין אַ רעדע, וואָס איז אויסגעפילט מיט רמזים, מיט בליצן און פינטעלעך.

פּרץ איז אַריינגעקומען אויפגעלעבט, מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זיין געזיכט, מיט אַ קענטיקן באַשלוס צו פילן זיך מיט די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פריי און





היימיש. ער האָט יעדן איינעם חבריש געדריקט די האַנט און אָט־אָט וועט ער, דוכט זיך, עפּעס זאָגן. אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט ער אַלעמען אַרומגעקוקט מיט זיינע קלוגע שמייכלענדיקע אויגן, פאַררייכערט און אָנגעבאָטן די אַנדערע מכבד צו זיין זיך, ווייל האָפנטלעך טוען זיי ניט נאָך פּינסקין, וועלכער רייכערט ניט — און דאָס האָט ער געזאָגט אויף פּויליש. עס איז געווען מיין טעות: איך האָב פאַרגעסן צו זאָגן אים, אַז ער וועט דאַרפן רײדן ייִדיש. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָט ער זיך געווענדט צו מיר ווי געוויינטלעך אויף רוסיש, און איך האָב אים געענטפערט אויף רוסיש. איצטער האָט ער ניט געוווּסט, אין וואָס פאַר אַ שפּראַך ער זאָל רײדן צו זיינע לייענער, וואָס זענען געקומען באַקאַנט צו ווערן מיט אים. ער האָט עפּעס אין יענעם מאָמענט געהאַט אַ באַגריף, אַז אַרבעטער פון דער אונטערגרונט מוזן רײדן רוסיש אָדער פּויליש, כאָטש זיי לייענען די בלעטלעך. די אַרבעטער האָבן אים אַרויסגעהאָלפן. איינער און אַ צווייטער און אַ דריטער האָבן אים דערציילט, אַז זיי האָבן געלייענט און הנאה געהאַט פון באַנציע שווייג, פון דאָס שטריימל, פון די קליינע מעשהלעך פאַר גרויסע קינדער, און אַלע האָבן זיי גערעדט זייער גוט ייִדיש, כאָטש אין פאַרשיידענע אויסשפּראַכן. (געווען אַפילו איינער אַ ליטוואַק, וואָס האָט גערעדט מיטן „סמך״, און איינער אַ ברעסט־ליטאָווסקער, וואָס האָט אַרויסגערעדט אַ ה׳ ווו מען דאַרף ניט, און פאַרשלונגען דעם ה׳ ווו ער דאַרף אַרויסגעזאָגט ווערן). איינער מיטן נאָמען מאָנטליאַק, אַ מעטאַל־אַרבעטער, אַ פּעפּעסניק, האָט מיט אַ ברייטן וואַרשעווער אַקצענט דערקלערט, אַז עס זענען ניטאָ מער קיין באַנטשע שוויגס. עס זענען אויסגעוואַקסן רבקהלעך — דאָס האָט ער אָנגעדייט אויף רבקהלען אין מיין חיים משרת. — מען ווייס שוין, ווו מען האַלט אין דער וועלט. עס איז קלאַסנקאַמף, און דער דאַרף איצטער געשילדערט ווערן, דער בריסקער — ער איז, דוכט זיך, געווען באַקאַנט אונטער דעם נאָמען שואל — און נאָך איינער, וועמעס נאָמען אָדער צונאָמען איך געדענק ניט מער. איך געדענק נאָר, אַז ער און שואל זענען ביידע געווען זייער שיינע בחורים מיט דורכגעגייסטיקטע געזיכטער — זיי ביידע האָבן אויפגענומען מאָנטליאַקס טעמע און אַנטוויקלט זי. ביידע זייער געאיבטע רעדנער, און עס איז געווען קענטיק, אַז זיי האָבן שוין אויף דער דאָזיקער טעמע גערעדט. וואָס דאַרף טאָן אַ שרייבער, וואָס וויל העלפן דעם אַרבעטער־קלאַס. וואָס ער דאַרף שרייבן און ווי ער דאַרף ער רײדן. דער אַרבעטער פאַרשטייט אויך אַ ווונק, אָבער דער ווונק דאַרף זיין געצילט אויף וואָס דער אַרבעטער פאַרשטייט.

זיי האָבן אָפּגערעדט, און מער האָט קיינער ניט גענומען דאָס וואָרט. עס איז געוואָרן שטיל. אַלע אויגן זענען געווען געווענדט צו פּרצן. ער האָט אָנגעהויבן מיט אַ קאָמפּלימענט צו די פאַררעדנער. ער באַוווּנדערט זייער ייִדיש. אויב זיינע שריפטן האָבן אין דעם אַ חלק, איז ער איבערגליקלעך. אָבער זייערע געדאַנקען זענען אַ פראַג־ראָם פאַר אַ שרייבער, אַ פאָדערונג, אַ געבאָט — עפּעס, מיט וואָס ער קאָן ניט איינשטימען. ער האָט געשריבן באַנציע שווייג און דאָס שטריימל און גלייכצייטיק אַ ראַ־מאַנצעראָ־ליד און מקובלים. אויף אַ מענטשן, וואָס האָט אָפענע אויגן אויף דער גאַנצער וועלט, טאָר מען ניט אַרויפלייגן, ער זאָל קוקן נאָר אין איין זייט און אויף איין פינטעלע. אויב ער נעמט עס אויף זיך, מאַכט ער פון זיך אַ קאַליקע. וואָס מען דאַרף יאָ פאַרלאַנגען פון דעם שרייבער, איז: גערעכטיקייט, רחמנות, מאָראַל. דאָס זענען די

זייער ביליק און נוצלאָז, כאָטש אַפּילו אמת. ער וואָלט עס באַדאַרפט באַשווערן ביי אַ ספר־תּורה און ביי ברענענדיקע חרם־ליכט, און דער באַשולדיקער וואָלט אַלץ געהאַט אַ רעכט ניט צו גלייבן. אַלץ וואָס ער קאָן טאָן, איז צו דערציילן ווי ער איז געקומען צו זיין באָנציע שווייג און זאָל זיין באַשולדיקער אים גלייבן אָדער ניט גלייבן. געקומען איז ער צו באָנציע שווייג אויף דעם וועג פון זיין גאַנצן שאַפן, ווו רחמנות איז דער הויפּמאָטיוו, און געדריקטע און געטראָטענע זענען די העלדן. ער האָט איין מאָל אַ טראַכט געטאָן, וואָס אַזוינס וואָלט אַזאַ אומגליקלעכער צעטראָטענער אויסגעבעטן זיך, ווען עס וואָלט אים געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט אויסצובעטן זיך עפּעס, און ער האָט זיך געענטפערט: „אַ בולקע מיט פּוטער". אָבער דער דאָזיקער ענטפער האָט אים אַליין זייער איבערראַשט, און באַלד האָט ער צוגעטראַכט דעם צעטראָטענעם, וואָס וואָלט געגעבן אַזאַ ענטפער. עס זענען פאַראַן ענלעכקייטן צווישן באָנציע שווייג און סאָן מאַקאַראַ, און, זאָגן מיר, אַפּילו גרויסע ענלעכקייטן, אָבער זיי זענען ניט מער ווי צופעליקייטן, וואָס האָבן געקאָנט טרעפן צוויי שריפטשטעלער, וועלכע זענען ביידע געגאַנגען דעם וועג פון רחמנות מיט דעם באַדריקטן און צעטראָטענעם.

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן, און דער סטודענט האָט געדריקט פּרצן די האַנט מיט גרויסער וואַרעמקייט.

אין די קומענדיקע טעג האָבן מיר ביידע געלייענט סאָן מאַקאַראַ און גערעדט פון פאַרגלייך. מיין מיינונג איז געווען, אַז דער דערפאָלג פון באָנציע שווייג ליגט אין זיין נאָמען, וואָס רעדט פאַר זיך און וועט געברויכט ווערן, אַפּילו ווען מען וועט ניט וויסן די מעשה. און אין דער „בולקע מיט פּוטער", וואָס וועט איבערגעחזרט ווערן ווי אַ גוטער וויץ אין דער פאָרעם, ווי ער איז אים איינגעפאַלן, איידער ער האָט צוגעטראַכט די גאַנצע מעשה. די מעשה אַליין אָבער האָט אַ קנאַפּן קינסטלערישן ווערט. ניטאָ קיין געשטאַלט, פאַראַן נאָר אַ נאָמען, וואָס ווערט אילוסטרירט מיט פּורעניותן, צו וועלכע מען קאָן צוגעבן וויפל מען וויל אָדער וועלכע מען קאָן אומבייטן אויף אַנדערע, און ביי די נייע אויך צושרייבן דעם רעפריין „ער האָט געשוויגן". באָנטשע שוויַג איז אַפּילו קיין ייִד ניט, זיינעליידן זענען ניט קיין ייִדישע ליידן. מען מוז זיך וווּנדערן, פאַר וואָס אברהם אבינו באַגעגנט אים מיט אַזאַ ברייטן שלום־עליכם. ער איז אויך ניטווירקלעכקייט, ווייל עס איז צו פיל צוגעטראַכטקייט. גאַנץ אַנדערש איז עס מיט מאַקאַרן. ער איז רוסישע ווירקלעכקייט; וואָס ער שטייט זיך אויס, שטאַמט פון דער רוסישער ערד. דאָס הויך־קינסטלערישע דערגרייכט קאָראָלענקאָ מיט מאַקאַרס חלום. מאַקאַרן חלומט זיך, אַז ער איז געשטאָרבן און ווערט געבראַכט פאַרן העכסטן געריכט. די גאַנצע יענע־וועלט איז מאַקאַרס פאָרשטעלונג פון איר, ווי ער האָט זי זיך צונויפגעשטעלט פון די רייד פון דעם גלח און פון הייליקע בילדער און פון די געשפּרעכן פון פרומע קריסטן. זי איז מאַקאַרס יענע־וועלט מיט אַלץ, וואָס ער ווייס פון גאָט און מלאכים און אַ געריכט. און אין דעם ליגט קונסט. אָבער באָנטשע איז טויט, און דער הימל מיט דעם גאַנצן טאַראַראַם איז ניט באָנטשעס פאָרשטעלונג נאָר דעם שרייבערס אַ פעליעטאָן, צו וועלכן מען קאָן זיך ניט באַציִען מיט דעם ערנסט פון קונסט.

פּרץ האָט מיך אויסגעהערט און קיין וואָרט ניט געזאָגט. ווי ווייט איך ווייס,





האָט ער מער באָנציע שווייג עפנטלעך ניט פאָרגעלייענט. איז עס אמת? דאָס קאָן זיין אמת צוליב דעם אַליין, וואָס ער האָט ניט געוואָלט דורכלעבן נאָך אַ מאָל דעם צווישנרוף „פּלאַגיאַט!"

לעבט נאָך ווער פון דעם גרויסן עולם, וואָס איז געווען אויף יענער פאַרזאַמלונג? לעבט נאָך אפשר אַליין דער סטודענט? ער איז געווען אַ גאַנץ יונגער מענטש, זיכער ניט עלטער פאַר מיר, אויב ניט ייִנגער. און כּמעט אַלע זענען דאָרטן געווען יונגע מענטשן פון זיין און מיין עלטער. אויב עמעצער פון זיי לעבט נאָך... אַך, איך פאַרגעס טרעבלינקע און מאַידאַנעק און פּאָנאַר!... אָבער אויב עמעצער פון זיי איז ניצול געוואָרן ווי איך, דורך פאַרבלאָנדזשען אין אַמעריקע, און עס זענען אים געשענקט געוואָרן יאָרן — בבקשה! האָט ווירקלעך פּרץ אַזוי גערעדט אָדער האָב איך שוין וואָס אַריינגעטרוימט?

— 9

פון פּסח תּרנד (1894) ביז פּורים תּרנה (1895) זענען אַרויסגעקומען צען בלעטלעך. זיי זענען געוואָרן באַרימט און זענען געוואָרן געשעפּט. פּרצן איז געלונגען צו פאַר־אינטערעסירן אַ פּאָר געלטמענטשן, מיטגלידער פון דער גמינע, וואָס האָבן בייגעשטייערט אַ געוויסע סומע געלט, און די בלעטלעך האָבן פאַרטאָפּלט די צאָל זייטלעך. אין קריגן דאָס געלט פון די געלטמענטשן האָט אים געהאָלפן זיין פריינד שמואל שיינהאָק, אַן עלטערער מענטש און אַ באַאַמטער אין דער גמינע. בזכות זה האָט פּרץ אים געגעבן דעם טיטל סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע און באַשטימט אים אַ געהאַלט פון 25 רובל אַ חודש. דאָס האָט ער געטאָן אָן מיין וויסן, אָבער אַנדערע אַריינגייער צו פּרצן האָבן עס געוווּסט און זענען אויפגעבראַכט געוואָרן. שטאַרק געהיצט האָט זיך ד"ר גרשון לעווין, אַ פריינד פון פּרצן און די יום־טוב־בלעטלעך. ער האָט צו מיר אַריינגעטענעט: „ווי דערלאָזט איר עס? די 25 רובל געהערן אייך. איר טוט די גאַנצע אַרבעט! פאַר וועלכע מעשים טובים קריגט זיי דער אַלטער שיינהאָק?" געווען געווען אין די אַלע רייד אויף צו מאַכן אַ בייז לעבן צווישן מיר און פּרצן, אָבער איך האָב זיך ניט געלאָזט אויפרייצן. איך האָב פאַרשטאַנען פּרצעס כּוונה: דער אַלטער שיינהאָק האָט געדאַרפט באַלוינט ווערן פאַר אָנהאַלטן זיין איינפלוס אויף די געלטמענטשן. ווען עס איז געקומען צום וואָרט, האָב איך דערציילט פּרצן דעם פּראָטעסט פון פריינד און מיין דערקלערונג. ער האָט מיך אַרומגענומען און געדאַנקט פאַר מיין אויסטייטש: דאָס איז טאַקע דער אמת. „פון דעסטוועגן", האָט ער צוגעגעבן, „האָב איך עס אייך געדאַרפט זאָגן". מיט די פּאָר ווערטער האָט ער ביי מיר אויסגעקויפט אַלע זינד...

נאָך צוויי חדשים האָט שיינהאָק אָפּגעזאָגט זיך פון דעם טיטל און פון דעם געהאַלט: „די אַרבעט טוט פּינסקי, דער טיטל איז זיינער און דאָס געלט געהערט אים..." ליידער האָט דער פאַרגרעסערטער פאָרמאַט נאָר פאַרגרעסערט די הוצאות אָבער ניט פאַרגרעסערט די הכנסות, און די געלטמענטשן האָבן גאָר באַלד צוריקגעצויגן זייער סובסידיע. די יום־טוב־בלעטלעך האָבן זיך געמוזט אומקערן צוריק צו זייער ערשטן פאָרמאַט, און דאָס איז געווען ניט גוט. אַן אָנזאָג אויף אַ סוף.

אין צווישן האָט פּרץ זיך אָפּגעגעבן מיט נאָך אַן אויסגאַבע, אַ פאָרזעצונג פון אַ פריִערדיקער אונטערנעמונג: דער דריטער באַנד פון די יודישע ביבליאָטעק. גענומען האָט ער זיך פאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע אויף דעם סמך פון אַ טייל פון דעם געלט,

וואָס מיר האָבן געקראָגן פאַר ליטעראַטור און לעבן, אין דעם אויך די 150 רובל פון ספעקטאָרס שיינער שוועגערין. די 150 רובל זענען געווען בלויז האַנטגעלט פאַר ליטעראַטור און לעבן, און מיר האָבן געמוזט איבערגעבן די אויסגאַבע צו אַ פאַרלעגער אין ווילנע. איצטער זענען זיי געווען אַ טייל פאַר דעם צושטייער אויף אַרויסצוגעבן דעם דריטן באַנד יודישע ביבליאָטעק, וועלכער איז סוף־כּל־סוף איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ פאַרלעגער אין וואַרשע. דער האָט פאַרענדיקט די אויסגאַבע. אָבער מיר האָבן קיין מאָל ניט געזען צוריק אונדזער צושטייער. מיין האָדל האָט קיין מאָל ניט באַקומען צוריק אירע 150 רובל. אָבער מיר האָבן איר אָפּגעדאַנקט מיט אַ ווידמונג. ביים סוף פון דעם צענטן יום־טוב־בלעטל דאָס ליכטל, דעם לעצטן פון דעם ערשטן יאָר, געפינט זיך אַ מיסטעריעזע שורה אין פעטיט: „געווידמעט א. ק—ן”. נאָר נאָענטע מענטשן האָבן געוווּסט, אַז דאָס מיינט: „געווידמעט אָדעלע קויפמאַן”. מיר האָבן ניט געוואָלט אויפשרייבן איר פולן נאָמען, אום ניט אויפצורייצן ספעקטאָרן אַנטקעגן איר. אָבער מיר האָבן זיך געפילט, אַז מיט דעם האָבן מיר גוט באַצאָלט איר חוב. פּרץ האָט דערביי געזאָגט: „לאו כּל אדם זוכה, און מיט יאָרן שפּעטער וועלן ביבליאָגראַפן, ווי ביבל־פאָרשער אַחוץ העראָגליפן־לייענער, שאַרפן זייערע מוחות: וועמען אַזוינס האָט דאָס די רעדאַקציע פון די יום־טוב־בלעטלעך געקאָנט ווידמען דאָס בלעטעל? טשיקאַווע, ווי זיי וועלן לייזן די רעטעניש”.

דער דריטער באַנד יודישע ביבליאָטעק איז געווען מאָגערער ווי די ערשטע צוויי אין אויסזען ווי אין אינהאַלט. אַ פּראָלעטאַרישער באַנד, אָבער אַ יום־טוב ביי פּרצן. זאָל דער יידישער עולם וויסן, אַז לא ינום ולא יישן, ער, דער וועכטער, דער וועקער, דער וועגווייזער! מיט יעדער נייער אויסגאַבע האָט ער געטריבן דעם יידישן געדאַנק ערגעץ ווייטער.

ער איז געווען אַ פלייסיקער לייענער פון דער וועלט־ליטעראַטור, ליב געהאַט צו לייענען דער עיקר נייע שריפטשטעלער, נייע ריכטונגען, נייע קונסט, שטורעמער, וואָס זענען געקומען איינוואַרפן אַלטס אָן אויפשטעלן נייס, און געוואָלט אויך זען אין דער יידישער וועלט אַן אויפרייס. ער איז ניט געווען שוה בשוה מיט די, וואָס ער האָט געפונען אין דער יידישער ליטעראַטור. ער איז ניט געווען קיין נאָכלויפער נאָך דעם „זיידן”, נאָך מענדעלע מוכר ספרים. ער האָט אים זעלטן ווען דערמאָנט, און דערמאָנט אָן באַגייסטערונג. מיט שלום־עליכמען איז ער געווען שונאים, ספּעקטאָר איז פאַר אים געווען גאָרנישט. ער האָט זיך צוגעבונדן צום אומבאַדייטנדיקן יעקב דינעזאָן, ווייל יענער איז גאַנץ אויפגעלייזט געוואָרן אין אים, אָפּגעזאָגט זיך פון זיך אַליין אָן געלעבט מיט פּרצעס דערפאָלג און אויפשטייג. די גאַנצע דעמאָלטיקע יידישע ליטעראַטור האָט אים ווייניק אינטערעסירט. זי האָט פאַר אים גאָרנישט ניט געהאַט. זי האָט ניט געהאַט אין זיך קיין קאַמף, זי האָט ניט געפירט אין קיין צוקונפט. אָבער ער האָט געטראָגן קאַמף און צוקונפט אין זיך, און אַזוי האָט ער דערזען זיין פלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור און איז אַרויסגעגאַנגען צו דעראָבערן אים. יעדע נייע שאַפונג איז געווען אַ טריט ווייטער אויפן וועג צו דעראָבערונג.

אָבער צוקונפט מח האָבן יוגנט, און ער האָט געוואָלט יוגנט, געוואַרט אויף איר. אויף יונגע שאַפנדיקע כּחות, יונגע יידן, וואָס וועלן קומען יעדער מיט זיין אייגענער וועלט און זיין אייגענעם וואָרט, און וועלן צונויפעמען מיט אים אויפעפענען פאַר דער





יידישער ליטעראַטור נייע צילן און נייע האָריזאָנטן. דריי יאָר בין איך געווען פאַר אים אָט די יוגנט, אויף וועלכער ער האָט געוואַרט, אַן אָנזאָג, אַז זיי וועלן קומען, די דערוואַרטע. און זיי זענען געקומען, איינער נאָך איינעם אָן באַלד אַ פלעיאַדע. עס איז געקומען די יידישע ליטעראַטור, פאַר וועלכער ער האָט אויפגעעפנט דעם וועג. י. ל. פּרץ איז געוואָרן פירער, ראש ישיבה, און צעגליאַנע נומער איינס איז געוואָרן די ירושלים צו וועלכער מען האָט עולה־רגל געווען. קיין איין יידישער שרייבער, פאַר אים און נאָך אים, האָט עס ניט זוכה געווען.

10

צעגליאַנע נומער איינס איז געוואָרן אַ לעגענדע. ווי האָט אויסגעזען פּרצעס דירה? איך געדענק זי נאָך, זע זי פאַר מיר, כאָטש איך האָב זי געזען צום לעצטן מאָל דעם 1טן מערץ, 1896.

דער נומער איינס לאָזט אונדז הערן, אַז דאָס הויז איז געשטאַנען אויף אַ ווינקל, ווו צוויי גאַסן באַגעגענען זיך, אָבער פּרצעס דירה איז ניט אַרויסגעגאַנגען צו קיין איינער פון די גאַסן. זי איז געווען אַ הויף־דירה, מיט אירע פענצטער צום הויף. פון צעגליאַנע איז מען דורכגעגאַנגען אַ טיפן טויער אין הויף אַריין, דאָרטן האָט מען זיך פאַרנומען רעכטס, פאַרבייגעמאַרשירט אַ טייל פון דעם הויזפליגל, וואָס קוקט אַרויס צו דער גאַס און צום הויף, און אַריין אין אַ טיר, וועלכע האָט געפירט צו די טרעפּן. נאָר איין טרעפּ אַרויף, און לינקס איז די גרויסע טיר מיט דעם נאָמען פּ ר ץ אויף איר. דורך דער טיר אַריין אין אַ שמאָלן קאָרידאָר, ווו לינקס די טיר צו דער קיך און גלייך אויס די טיר צו די אינווייניקסטע חדרים.

דאָס לאַנגע און שמאָלע צימער, אין וועלכן מען טרעט אַריין פון קאָרידאָר, איז געווען דער „קדשי קדשים”, פּרצעס קאַבינעט, זיין אַרבעטצימער, זיין רעדאַקציע, זיין אויפנעם־צימער. אין דער דירה זענען פאַראַן נאָך צוויי חדרים, אָבער זיינער איז דער ערשטער. אַ לאַנגער שרייבטיש, מיט דער שמאָלער זייט ביים איינצלנעם פענצטער, וואָס קוקט אַרויס אין הויף, מיט עטלעכע שטולן אַרום זיינע פרייע זייטן, און אַ לעדערנע סאָפע צווישן דעם טיש און דער קאָרידאָר־טיר, מאַכן אויס דאָס גאַנצע מעבל פון דעם „קאַבינעט”, וואָס איז נאָך אויסגעפילט געוואָרן פון אַ הויכן קאַכלנעם קאַמין, וואָס איז געשטאַנען פונקט אַנטקעגן דער קאָרידאָר־טיר און געהאַלטן וואַרעם די גאַנצע דירה אין אַ קאַלטן ווינטערטאָג.

פאָרנט, רעכטס אין דעם קאַבינעט, איז געווען די טיר צום גרויסן צימער, וואָס איז געווען עסצימער און שלאָפצימער און אויך סאַלאָן, ווען עס זענען געקומען געסט, אין וועלכע מאַדאַם פּרץ איז געווען פאַראינטערעסירט. אין דעם דאָזיקן גרויסן צימער, צווישן די צוויי פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט אין הויף, איז געשטאַנען אַ גרויסער עסטיש מיט שטולן אַרום אים, און צוויי ברייטע בעטן מיטן צוקאָפּנס ביי דער הינטער־וואַנט און מיטן צופוסנס צו די פענצטער.

אַנטקעגן דער טיר פון גרויסן צימער איז געווען די טיר, וואָס האָט געפירט אין יוליאַנס צימער, ווו אויסער אַ בעט זענען נאָך געשטאַנען די קליידערשרענק, אַ טיש און אַ פּאָר שטולן.

איך געדענק ניט קיין איין בילד אויף די ווענט, ביכער זענען געשטאַנען אין יוליאַנס צימער.

דאָס איז די באַרימטע דירה, אין וועלכער עס האָט געליבט און געלעבט אַ פּאָר צענדליק יאָר, געשאַפן און אויסגעוואַקסן צו נאַציאָנאַלער פיגור ביי יידן, יצחק לייבוש פרץ. זיין פּלאַץ אין קאַבינעט איז געווען אויף איינעם פון די שטולן לינקס ביים שרייבטיש. דעם דאָזיקן פּלאַץ האָט קיין מאָל קיינער ניט פאַרנומען. אַפילו ניט ביי אַ פּרעפעראַנס־שפּיל. אַ שפּיל, וואָס איז, ווי ברידזש היינט, זייער פּאָפּולער געווען אין יענע צייטן. אָבער עס זענען געווען אָוונטן, ווען דאָס שפּילן איז געווען פאַר פּרצן אַ מוז. דאָס איז געווען, ווען ער האָט איינגעלאַדן צו זיך דעם הער זאַקס — ייִדישע רעליגיע־לערער אין דער מיידלשער גימנאַזיע און — ייִדישער צענזאָר. פּרץ פלעגט מוזן שפּילן מיט אים און פאַרלירן ביי אים עטלעכע רובל, און שפּילן אַזוי לאַנג ווי יענער האָט געוואָלט, אָפּט ביז דעם ערשטן העגערקריי. דער הער צענזאָר האָט געמוזט אַוועקגיין אַ זייער צופרידענער. ווייל די יום־טוב־בלעטלעך און די אַנדערע אויסגאַבעס האָבן געדאַרפט זיין צופרידנקייט.

צווישן טאַטן און זון זענען געווען חברשע באַציִונגען, גאָרניט פון באַציִונגען צווישן פאָטער און קינד. דער זון האָט אויך מיט גאָרניט דערמאָנט זיין פאָטער, ניט פיזיש און ניט גייסטיק. ער איז געווען זייער אומשיין, קליינוווקסיק, געהאַלטן זיך קרומרוקנדיק, גערעדט ניט קלאָר, געשפּריצט, ווען ער האָט גערעדט, און בכלל געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דעגענערירטן. דערביי אָבער געהאַט גוטע פעיִקייטן, געווען אַ גוטער מאַטעמאַטיקער, און ניט געווען קיין נאַר. פּרץ האָט אים געליבט, ליב געהאַט צו אונטערהאַלטן זיך מיט אים, אַ סך געלערנט פון אים און געהאַלטן שטאַרק פון זיינע מיינונגען איבער ליטעראַטור. ער האָט גערעדט בלויז פּויליש, נאָר מיט מיר האָט ער גערעדט רוסיש. צו מיר, ווי צו אַ געוועזענעם סטודענט, האָט ער זיך באַצויגן קאָלעגיאַל, נאָר ער האָט קיין מאָל ניט געוואָלט וויסן, וואָס אַזוינס איך שרייב. אָבער ער האָט זיך אויך ניט אינטערעסירט מיט זיין טאַטנס שרייבן. דאָס איז געווען ייִדיש שאַפן, און די גאַנצע ייִדישע וועלט איז אים געווען פרעמד.

הינטער דער כמעט שטענדיק צוגעמאַכטער טיר צום גרויסן צימער איז געזעסן מאַדאַם פּרץ, זעלטן באַווייזנדיק זיך פאַר איר מאַנס באַזוכער און נאָך זעלטענער איינלאַדנדיק זיי צו זיך אין צימער, סיידן עמעצן האָט אָפּגעגליקט נושׂא חן צו זיין אין אירע אויגן. אַ מיטלוווקסיקע פרוי מיט אַ לענגלעכן פּנים, איינגעצויגענע באַקן און גרויסע, גראָע אויגן, פון וועלכע עס האָט זיך געטראָגן קעלט און פרעמדקייט. צו מיר איז זי געווען גוט, צו מיר האָט זי אַפילו געשמייכלט. ווען איך און מיין פרוי האָבן באַזוכט וואַרשע אין 1932, איז זי געווען אויף אַלע מיינע פאַרזאַמלונגען. ווען מיר האָבן זי באַזוכט אין איר אָרעמער אלמנה־היים, האָט זי אַרויסגענומען פרצעס אַ בילד פון אַ ראַם (פּרץ שטייט אָנגעבויגן איבער אַ בוך) און אַוועקגעגעבן עס מיר מיט איר אויפשריפט אין ייִדיש: „דוד פינסקין — די אלמנה העלענע פּרץ”.

איך בין געווען אַ בן־בית אויך אין דעם גרויסן צימער. אַ פּאָר מאָל געגעסן ביים לאַנגן טיש מיט דער גאַנצער פאַמיליע, און אויך געשלאָפן אין אַ בעט, ווען פרוי פּרץ איז געווען אין אָטוואָצק. געדענק איך אַ זומערנאַכט. פּרץ, איך און איינער אַ ד"ר משורר האָבן אַרומגעשפּאַצירט איבער גאַסן, פאַרטאָן אין אַ דעבאַטע, וועלכע פּרץ





האָט אַרויסגערופן: דאַרף אַ סאָציאַליסט אַרבעטן פאַרן סאָציאַליזם אין ראַמען פון זיין אייגענעם פאָלק, אָדער פאַר דעם סאָציאַליזם זענען ניטאָ קיין פאָלקסראַמען און דער סאָציאַליסט אַרבעט פאַרן סאָציאַליזם, ווי זיין האַרץ געלוסט. ד"ר משורר און איך האָבן זיך שטאַרק געאַמפּערט, פּרץ איז געגאַנגען ביי דער זייט און זעלטן געזאָגט אַ וואָרט. עס איז געוואָרן זייער שפּעט, און איך בין אַוועק שלאָפן צו פּרצן, ווייל פרוי פּרץ איז געווען אין אָטוואָצק. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פאַר טאָג, איז פּרץ ניט געווען אין זיין בעט, נאָר געזעסן ביי זיין שרייבטיש און געשריבן. אויף מיין שפּאַספראַגע צי האָט ער ניט אפשר פאַרשריבן אונדזער דעבאַטע, האָט ער געענטפערט: „ווער האָט אייך געהערט? איך האָב אייך לכתחילה פאַרגעבן די טעמע, כדי איר זאָלט מיך לאָזן צו רו. איך בין געווען באַשעפטיקט מיט מיין טעמע”.

ער האָט אין יענער נאַכט אָנגעשריבן אַ גרעסערע דערציילונג, וועלכע ער האָט שפּעטער שטאַרק באַאַרבעט און איבערגעזעצט אויף העברעיִש. אויב איך געדענק ריכטיק, איז עס זיין באַרימטע דערציילונג ל י ל  ז ו ו ע ו ת.

11

ווען איך האָב אים אָנגעזאָגט, אַז איך האָב באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין בערלין, האָט ער אַ פרעג געטאָן: וואָס וועל איך טאָן אָן אייך?

— און וואָס וועל איך טאָן אָן אייך? — האָב איך צוריקגעפרעגט.

איך האָב אים פאַרשפּראָכן מיין שטענדיקע מיטאַרבעטערשאַפט, אָבער ער האָט אַרויסגעבראַכט נאָר נאָך צוויי מאָגערע בלעטלעך און אָפּגעלאָזן די הענט. ער האָט די אַרבעט ניט געקאָנט טאָן, און עס האָט גענומען גאַנצע 3—4 יאָר, ביז נייע יוגנט האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר. אָבער די יום־טוב־בלעטלעך פאַר זייערע קנאַפּע צוויי יאָר האָבן געמאַכט עפּאָכע. זיי זענען געוואָרן אַן אָפּשניט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אויך אין דעם וווּקס פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אויך אין דעם וווּקס פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט צו איר אָרגאַניזירטקייט אין ליטע און פּוילן. פאַר פּרצן זענען זיי געווען אַ שפּרינגברעט צו גרעסערע הייכן.

עס איז געווען גוט, וואָס מיר האָבן זיך צעשיידט, און די יום־טוב־בלעטלעך האָבן אויפגעהערט. עס זענען אַוועק פון אים דער ציִער און די ציִעניש אין אַ באַשטימטער ריכטונג. אומגעשטערט האָט ער איצטער געקאָנט געהערן זיך אַליין. און ווען ער האָט זיך גוט צוגעהערט צו זיך אַליין, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין די טיפקייטן פון דער ייִדישער פאָלקס־נשמה און אַרויפגעבראַכט פון דאָרטן זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און חסידיש. שאַפונגען, מיט וועלכע ער האָט אומגעהייער באַרייכערט די ייִדישע ליטעראַטור, דעם ייִדישן מענטש און דעם ייִדישן שאַפער און געקויפט זיך אייביקייט אין דער אייביקייט פון דער ייִדישער שאַפונג.

מיר האָבן זיך צעשיידט מיט דער האָפענונג, אַז מיר וועלן זיך מסתמא באַלד זען. פון דעם באַלד איז געוואָרן אַ קיין־מאָל־ניט. ווען איך בין געווען אין וואַרשע אין 1932, איז ער שוין געווען זיבעצן יאָר טויט, אָבער איך בין אַרומגעגאַנגען איבער די וואַרשעווער גאַסן און געפילט פּרצן, געזוכט אים, געבענקט נאָך אים...

אָבער... איך בין אַרויסגעגאַנגען אָנצושרייבן, וואָס איך געדענק פון די דריי יאָר מיט פּרצן. דאָס האָב איך געטאָן, און דערמיט — ווי ער וואָלט געזאָגט — פּונקטום.